STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10957

DOS ARBETNDE ERETS-YISROEL

Ramsey McDonald

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10957-6

9780657109578T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER



ראַמזיי מאַקדאָנאַלד

דער ענגלישער אַרבעטער־פֿירער

אײנלײטונג.

דאָס נײע ארץ-ישראל איז געבױט געװאָרן דורך פֿאַרשידענע עלעמענטן, װעלכע זײנען געקומען אין לאַנד אין פֿאַרשידענע צײטן, געטראָגן אױפֿן רוקן פֿון פֿאַרשידענע געזעלשאַפֿטלעכע כװאַליעס.

די ערשטע מאָדערנע פּיאָנערן — די ביל"ו — זײנען געקומען נאָך די ערשטע רוסישע פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן. מיט זײ הױבט זיך אָן די חבת-ציון-באַװעגונג און די פֿילאַנטראָפּישע קאָלאָניזאַציע.

די שפּעטערע בעלי-הבתים באַװײזן זיך אין לאַנד נאָך „קישינעװ". רחובות, פּתח-תקוה, די אָראַנזשן-פּלאַנטאַציעס — זײנען זײער װערק. דאָס איז די באַרימטע „פּריװאַטע איניציאַטיװ".

די ערשטע רוסישע רעװאָלוציע גיט ארץ-ישראל אַ גרופּע חשובע ײנגע-לײט, װעלכע װילן זיך פּראָלעטאַריזירן, װערן לוין-אַרבעטער, פֿאַרנעמען דעם אַראַבערס פּלאַץ אין די ײדישע קאָלאָניעס.

די ײנג-טערקישע רעװאָלוציע האָט אַרױסגערופֿן בײ דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ חשק צו פּרובירן קאָלאָניזאַציע מיט נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלן. די נײע לוין-אַרבעטער, װעלכע האָבן אַרױסגעלאָזט דעם רוף „כבוש העבודה" (באַזיגן די אַרבעט), האָבן געפֿונען פּלאַץ פֿאַר זײער אידעאַל אױף די װײניקע נאַציאָנאַלע פֿאַרמס און עקספּערימענט-סטאַנציעס, װאָס די ציוניסטישע

אָרגאַניזאַציע, מיט דער הילף פֿון נאַציאָנאַל־פֿאָנד און דער „פּאַלעסטיין לאַנד דעוועלאָפּמענט קאָמפּאַני״, האָט געגרינדעט.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פֿון די „קבוצות„ (די אַרטיעלן). די פּועלי־ציון האָבן געגרינדעט דעם „סעדזשערער קאָלעקטיוו״, דער הפּועל־הצעיר די ערשטע גרופּע אין דגניה (אם דזשו) און אין „מרחביה״ איז געגרינדעט געוואָרן די קאָאָפּעראַציע לויט פֿראַנץ אָפּנהיימער׳ס פּלאַן.

דער וועלט־קריג און די איבערקערענישן אין מזרח־אייראָפּע האָבן געבראַכט די נייעסטע כוואַליע — די „חלוצים״, וועלכע זיינען געקומען אין לאַנד פּאָליטיש און גייסטיק פֿאָרבאַרייטעט צו בויען דאָס לאַנד מיט די אייגענע פֿיזישע כחות אויף אַלע געביטן — אין שטאָט, אויף די וועגן, אויפֿן לאַנד — זיי האָבן דעם קאָאָפּעראַטיוון פּרינציפּ פֿאַרטיפֿט און אויסגעבררייטעט, אַרום צען טויזנט אַרבעטער זיינען איצט אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירט — פֿאַר קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט אין די פֿאַרשידנסטע פֿאָרמען.

ווי מיר זעען, האָט יעדע אימיגראַציאָנס־שיכט געבראַכט קיין ארץ־ישראל אירע אידעאַלן, אירע שטרעבונגען, איר אייגן פֿאַרשטענדניש וועגן קאָלאָניזאַציע, און באַנוצנדיק זיך מיט די פֿריִריקע דערפֿאַרונגען, האָט זי ווייטער געפֿירט די אַרבעט אין איר אייגענעם וועג.

דער היסטאָריקער פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל וועט ניט דאַרפֿן זוכן מיט ליכט קיין פֿאַקטן צו באַווייזן אין איר די געזעצן פֿון עוואָלוציע. איין קאָלאָניזאַציאָנס־פּעריאָד וואָרצלט אין צווייטן און איז מיט אים פֿעסט צונויפֿגעוואַקסן, און אַלע צוזאַמען וואָרצלען אין גאַנצן יידישן לעבן.

אָבער ווי פֿאַרשידן זיינען די מאָטיוון און — די רעזולטאַטן פֿון די קאָלאָניזאַציאָנס־עקספּערימענטן!

די ביל"ו זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל זיך אויסבאַהאַלטן פֿון דער אַסימילאַציע. זיי האָבן נאָך ניט געוואוסט, ווי וועט זיך געשטאַלטן זייער אייגן גייסטיק לעבן אין לאַנד. זיי האָבן זיך בלויז ווי פֿון אַ שטריק אָפּגעריסן פֿון דער ברייטער אומדאַנקבאַרער וועלט. די בעלי־הבתים, וועלכע זיינען געקומען נאָך זיי — מיט פאַמיליעס, מיט געלט, מיט אַ חשק צו בויען שיינע, זיכערע היימען — האָבן שוין געלעכצט נאָך אַן אייגענער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספערע, נאָך אייגענע קולטור־אינטערעסן. אין זייער צייט ווערט אין ארץ־ישראל אַ העברעישע סביבה.

אָבער דער ישוב טראָגט אַלץ אַ לאָקאַלן כאַראַקטער, לעבט נאָך פֿון זיינע אייגענע זאַפטן, ווייט פֿון דער גרויסער וועלט. די ערשטע אַרבעטער, וועלכע זיינען געקומען לייטערן אין זיך דעם מענשן דורך אַרבעט און דורך מי, — זיינען אויך בלויז לאָקאַלע פיגורן מיט לאָקאַלע, פּראָווינציעלע, כאָטש טיפע מאָראַליש־אַסקעטישע שטרעבונגען.

צונויפגעבונדן ארץ־ישראל מיט דער ברייטער וועלט, מיט די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע שטראָמען אין דער וועלט — האָבן די פועלי־ציון, וועלכע האָבן צעשלאָגן דעם ישוב זיינע פּראָווינציעלע רעיונות. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַנד אַ שטראָם פֿון אייראָפּעיזם, אַלוועלטלעכקייט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס כמעט מיט קאַריקאַטור — דער ערשטער מאַי אין פֿרומען ירושלים, די ערשטע סטרייקן, די ערשטע סאָציאַליסטישע וואָפנשריפט, — די פּראָווינציעלע גייסטער פֿון די בעלי־הבתים און פֿון די אַרבעטער פּראָטעסטירן, באָיקאָטירן כמעט די יידישע סאָציאַליסטן, ווילן ניט זייער געלט, לאַכן פֿון זייער ראַדיקאַליזם, שפּאָטן פֿון זייער נאָכאַמונג. אָבער וואָס ווייטער ווערט די זאַך ערנסטער. דער פועלי־ציוניזם אין ארץ־ישראל געפינט זיך אַליין, געפינט זיינע אמתע צוועקן, זיינע אָרי־

גינעלע וועגן, באַקומט אַלץ מער אָנהענגער, שאַפֿט נייע אינטערעסאַנטע אַרבעטס־צווייגן, גראָבט זיך איין מיט ביידע פֿיס אין דער ערד, ווערט כמעט די וויכטיקסטע קראַפֿט אין לאַנד, באַפֿאַרבט דאָס לעבן מיט זיין קאָליר.

און אָט קומען דערפֿאַרענע, לאַנג אויסגעפּרובירטע אייראָפּעישע אַרבעטער־טוער — און זיינען אַנטציקט פֿון די אויפֿטואונגען פֿון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. זיי האָבן ניט קיין ווערטער זיך אָפּצולויבן. זיי זיינען זיכער, אַז עפּעס ווערט דאָרט געשאַפֿן גרויסעס, נייעס, וואָס וועט זיין אַ לעקציע פֿאַר דער גאַנצער וועלט, ניט קיין יידן־ציוניסטן און ניט קיין לייכטע ענטוזיאַסטן גיבן דעם אורטייל, נאָר ראַמזיי מאַקדאָנאַלד און מאָרגאַן — צוויי אַרבעטער־פֿירער פֿון ריינעם שטאָל, וועלכע זיינען אַלט געוואָרן אין די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאַמפֿן. זיי קוקן שוין ניט אויף ארץ־ישראל, ווי אויף אַ ווייטער פּראָווינץ, נאָר ווי אויף אַ נייעם כאָטש אַ קליינעם וועלט־צענטר.

נאַטירלעך, איז אַלץ נאָך אין פּעריאָד פֿון עקספּערימענטן. צען־טויזנט אַרבעטער קערן נאָך ניט איבער די וועלט. עטלעכע קבוצות, אַרבעטער־קאָלאָניעס, אַרבעטער־ווערקשטאַטן און אַרבעטער־באַטאַליאָנען, איין אַרבעטער־באַנק און איין גרעסערע קאָנסום־געזעלשאַפֿט מאַכן ניט קיין עפּאָכע אין דער וועלט.

אָבער ווער זאָגט עס, אַז מיר מוזן בלייבן ביי די צען־טויזנט אַרבעטער און ביי די עטלעכע אַרבעטער־אינסטיטוציעס? הונדערטער־טויזנטער יידישע אַרבעטער וואַרטן דער וועג זאָל פֿריי ווערן קיין ארץ־ישראל. הונדערטער דערפֿער, קבוצות, אַרבעטער־באַטאַליאָנען און אַרבעטער־ווערקשטאַטן — מוזן געשאַפֿן ווערן, גרויסע אינדוסטריעס מוזן אויפֿגעבויט ווערן.

דאָס לאַנד ביים ירדן וואַרט אויף מיליאָנען מענשן, און

זיי דאַרפֿן מיר צושטעלן, אויב מיר ווילן ניט, אַז אַנדערע זאָלן דאָס לאַנד פֿאַרנעמען און אויפֿבויען.

מיר נעמען דאָ אין דער בראָשורע צונויף אַלע וויכטיקערע רעדעס, וואָס ראַמזיי מאַקדאָנאַלד האָט געהאַלטן אין ארץ־ישראל. מיר ווילן זיך אַליין אָפּגעבן רעכנונג, וואָס האָט ער געזען און ווי ער האָט אָפּגעשאַצט דאָס געזעענע.

ראַמזיי מאַקדאָנאַלד איז ניט אונזער „רעוויזאָר”. מיר האָבן, דעם אמת זאָגנדיק, נאָך ניט געטראַכט, אַז ס'איז שוין צייט אונטערצופֿירן אַ סך־הכל, מאַכן אַ בילאַנס, די אַרבעט איז דאָך ערשט אין אָנפֿאַנג. דער פּועלי־ציון וועלט־פֿאַרבאַנד האָט אים בלויז איינגעלאַדן זיך פּערזענלעך צו באַקאָנען מיט ארץ־ישראל — און אָט איז אַ געניטער אַרבעטער־פֿירער, אַן אָנפֿירער פֿון דער ראַדיקאַלער ענגלישער „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי” און אַ טוער אין אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אַ מיטגליד פֿון בריטישן פּאַרלאַמענט פֿאַר אַ לאַנגער צייט און איינער פֿון די בעסטע קענער פֿון דער ענגלישער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק, אַ רייזנדער און אַ שרייבער, אַ טעאָרעטיקער און גרויסער פּאָליטישער טוער — אָט איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל, האָט זיך צוגעקוקט צו אונזער אַרבעט און זאָגט, אַז מיר טוען אויף גרויסע נייע זאַכן, אַז די וועלט וועט אונז אין גיכן שענקען אויפֿמערקזאַמקייט, אַז ער שטעלט זיך און זיין פּאַרטיי צוזאַמען מיט דער בריטיש לייבאָר פּאַרטי צו דינסט פֿאַר אונזער אַרבעט, צו באַשיצן אונזערע התחלות, צו באַוואַכן אונזער מי.

איז עס ביי אונז אין אונזער גאַנץ יידיש לעבן איבער דער גאַנצער וועלט אַזאַ אָפֿטע ערשיינונג, אַזאַ וואָכנדיקע זאַך, מיר זאָלן אַוועקלאָזן אַזעלכע פֿריינדלעכע ווערטער און אַזעלכע ברידערלעכע עצות אָן געניגנדער אויפֿמערקזאַמקייט ?

ניין, מיר נעמען זיי צונויף די רעדעס פֿונם באַרימטן ברי־טישן אַרבעטער־פֿירער און פּאָליטישן טוער, מיר ווילן זיך אין דער עקספּערטיזע אַליין גוט אַריינטראַכטן — און לערנען פֿון זיי דעם נויטיקן מוסר השכל.

זאָלן זיי דינען פֿאַר אונז דאָ און פֿאַר די יידישע אַרבעטער דאָרט, אין ארץ־ישראל, אַלס אַ קרעפֿטיקונג פֿאַר די נייע גרויסע אָנשטרענגונגען, וועלכע מיר מוזן ערשט מאַכן צו ברענגען נייע אַרבעטער אין לאַנד, צו בויען מער אַרבעטער־פֿעסטונגען, אַריינ־צונעמען דאָס ארץ־ישראלער לעבן מער אין אונזערע הענט.

ראַמזיי מאַקדאָנאַלד און מאָרגאַן אויף זייער באַזוך אין ארץ-ישראל.

ראַמזיי מאַקדאָנאַלד איז מיט זיין פּאַרטיי-חבר מאָרגאַן אָנגעקומען קיין ארץ-ישראל פֿרייטיק, דעם 3-טן יאַנואַר 1922.

אין עגיפּטן האָט אים באַגעגנט אַ פֿאַרטרעטער פֿון דער ארץ-ישראל אַרבעטער-פּאַרטיי „אחדות עבודה" — חבר מאַיראָוויטש.

ווי אַלע קריסטן, האָט מאַקדאָנאַלד געוואָלט דירעקט פֿאָרן קיין ירושלים. ער האָט שוין אין מצרים געהאַט אַן איינלאַדונג פֿונם באַרימטן גאָווערנער סטאָרס, ער זאָל קומען צו אים. ווען ער איז אָנגעקומען אויף דער סטאַציע לוד, וואָס איז דער שיידע-וועג קיין ירושלים און קיין יפו, האָבן אויף אים געוואַרט צוויי אויטאָמאָבילן: איינער פֿון ירושלימער גאָווערנער און איינער — פֿון די יידישע אַרבעטער. געפֿאָרן איז ער... קיין יפו מיט די יידישע אַרבעטער.

ביי דער סטאַציע אין יפו זיינען אים געווען באַגעגנען דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי „אחדות העבודה" און פֿאָר-שטייער פֿון די צענטראַלע און לאָקאַלע אַרבעטער-אינסטיטוציעס. באַלד נאָך זיין אָנקומען האָט ער באַזוכט דעם צענטער פֿון די חלוצים, די פֿאַבריק „סיליקאַט", די קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי „אחדות", דעם שוסטער-קאָאָפּעראַטיוו „תועלת" און די פֿאַרם מקוה ישראל. פֿון דאָרט איז ער אין דער באַגלייטונג פֿון די חברים ד. בן-גוריון און י. בן-צבי אָפּגעפֿאָרן קיין ירושלים.

אין ירושלים האָבן די בריטישע אַרבעטער-געסט גענאָסן די גאַסט-פריינדלעכקייט פֿון דער אָפיציעלער רעגירונג. דער היי-קאָמיסאַר האָט זיי געגעבן אַ „מאָלצייט", גאָווערנער סטאָרס אויך. זיי האָבן אויפגענומען דעפּוטאַציעס פֿון אַראַבער און יידן און האָבן אויסגעקוקט די שטאָט, אויסגעפאָרשט די לאַגע, געהאַט געשפרעכן מיט אַלע צדדים און מיט די וויכטיקסטע רעגירונגס בעאַמטן.

מען האָט זיי פֿון פֿאַרשידענע זייטן געוואָלט אָנרעדן אויף די יידישע אַרבעטער, מען האָט געוואָלט אויף זיי מאַכן דעם איינדרוק, אַז די יידישע אַרבעטער זיינען קעגן אַראַבישן פֿאָלק, קעגן אַראַבישן אַרבעטער. אָבער זיי האָבן זיך אַליין צו אַלץ צוגעקוקט, האָבן באַזוכט די וויכטיקסטע אַרבעטער-פּלעצער, געהאַט מיטינגען מיט די יידישע אַרבעטער-פירער, געווען עטלעכע מאָל אין צענטער פֿון דער אַלגעמיינער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע (הסתדרות הכללית), און האָבן זייערע מיינונגען אַליין געמאַכט פֿאַר זיך.

אין אַ געשפרעך מיט אַ פֿאַרטרעטער פֿון דער ירושלימער טעגלעכער צייטונג „הארץ" האָט ראַמזיי מאַקדאָנאַלד געלאָזט פֿאַרעפֿנטלעכן די פֿאָלגנדע ווערטער:

„איך קאָנט זיכער זיין, — האָט ער ערקלערט דעם „הארץ" — אַז די „לייבאָר פֿאַרטי" וועט שטיצן די היימלאַנד-פּאָליטיק. פֿאַר דער צייט וואָס איך בין דאָ געווען האָב איך באַגריפֿן, אַז די „היימלאַנד" קאָן האָבן אַ סך אויסטייטשונגען. גרויס-בריטאַניע וועט זיך פֿרייען מיט אַ צופֿרידנשטעלנדער לייזונג פֿון ארץ-ישראלס צוקונפֿט, און זי וועט מיט שמחה באַקענען אַזאַ פֿאַרשטענדניש צווישן די אַראַבער און די יידן. איך בין זיכער, אַז אַזאַ לייזונג איז מעגלעך. איך זע ניט קיין שום שטערונג דערצו, און אייערע פירער טוען אַלעס מעגלעכע צו דערגרייכן אַזאַ פֿאַרשטענדניש.

ביז איצט האט סער הערבערט סעמיועל געהאט ערפאלג אין זיין אויפגאבע, אזוי זאגט מען מיר פון ביידע זייטן.

„איך בין זער פארינטערעסירט אין דער טעטיקייט פון די יידן צו שאפן זייער נאציאנאלע היים. כ׳האב געזען אין יפו די פיאנערן ביי דער ארבעט און איך וויל באזוכן זייערע קעמפס אין גליל״.

אין ירושלים זיינען די געסט געווען 4 טעג. זונטיק אוונט, דעם 5־טן יאנואר, האבן זיי זיך באטייליקט אין א ספעציעלער זיצונג פון דער אלגעמיינער ארבעטער־ארגאניזאציע.

דאנערשטיק, דעם 9־טן יאנואר, איז מאקדאנאלד מיט זיין חבר מארגאן ארויסגעפארן קיין גליל, וואו זיי האבן באזוכט חיפה, עין־חרוד, מחנים, דגניה, די שאסעען אויף וועלכע ס׳ארבעטן א סך יידישע ארבעטער. דערנאך זיינען זיי אין דער באגלייטונג פון די חברים דוב הוז און י. בהרב, אפגעפארן קיין דמשק און האבן זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים, וואו די ארבעטער־ארגאניזאציע האט פאר זיי געמאכט אן „אפשידס־אוונט״.

באזוכנדיק דינסטיק, דעם 14־טן יאנואר, דעם יידישן ארבעטער־באטאליאן אין עין־חרוד, האט מאקדאנאלד עטלעכע שטונדן זיך צוגעקוקט צו דער ארבעט פון די חלוצים און אויסגעקוקט די אינסטיטוציעס פונם באטאליאן. חבר ש. לעווקאוויטש האט די געסט געגעבן די נויטיקע ערקלערונגען, וועלכע האבן אויף מאקדאנאלדן געמאכט א געוואלדיקן איינדרוק.

ער האט ערקלערט, אז פערזענלעך איז ער א קעגנער צו ארבעט אויף א קאמוניסטישן יסוד און די אלע עקספערימענטן אומעטום ביז איצט האבן געצייגט, אז די קאמונע איז נישט ערפאלגרייך. אבער ער האט צוגעגעבן, אז אין ארץ־ישראל זיינען די אומשטאנדן גאנץ אנדערע און מען דארף נישט נעמען קיין ביישפיל פונם מיסערפאלג אין אנדערע לענדער.

ווען ער האָט פֿאַרלאָזן נוריס, די נייע קאָלאָניע פֿונם אַר־בעטער־באַטאַליאָן, האָט ער געזאָגט צו זיין באַגלייטער, אַז ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען מיט פֿיזישע אויגן יחזקאל הנביא׳ס חלום וועגן די טרוקענע ביינער.

פֿון נוריס אויף דעם וועג קיין טבריה האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט אין דגניה, וואו ער האָט עטלעכע שעה זיך אונטערהאַלטן מיט די חברים פֿון דער קבוצה.

אין טבריה האָט מאַקדאָנאַלד זיך באַגעגנט מיט דעם פֿאַריין פֿון די „מוסולמענער נאַציאָנאַליסטן". דאָס איז איינער פֿון די נייע פֿאַריינען, וועלכע האָבן זיך געגרינדעט אַלס אָפּאָזיציע צו די קריסטלעך־מוסולמענישע קאָמיטעטן.

די מיטגלידער פֿון דעם פֿאַריין האָבן אים ערקלערט, אַז בלויז פֿרייע אומבאַשרענקטע אימיגראַציע פֿון יידן קאָן אַנטוויקלען און אויפֿבויען דאָס לאַנד.

אין טבריה האָט ער אויך באַזוכט די יידיש־אַראַבישע געמישטע שולן.

אויף אַ זיצונג פֿון דעם אַרבעטער־ראַט אין חיפה (אין ליכ־טענשטיינס פענסיאָן), וועלכע האָט זיך פֿאַרצויגן ביז איבער האַלבע נאַכט, האָט ער, אויסהערנדיק באַריכטן, געטרייסט די יידישע אַרבעטער און זיי צוגעזאָגט די שטיצע פֿון דער לייבאָר פּאַרטי.

ער האָט באַזוכט אין חיפה די קאָאָפּעראַטיוון „כרמל" און „עמל" און די אַמעריקאַנער געצייג און האָט אויסגעדריקט גרויסע באַוואונדערונג.

מאַקדאָנאַלד צווישן די יידישע אַרבעטער.

מאַקדאָנאַלד׳ס ערשטע אמת׳ע באַגעגעניש מיט די יידישע אַרבעטער־פירער איז געווען זונטיק, דעם 3־טן יאַנואַר, אין ירושלים, אויף דער ספּעציעלער זיצונג פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

די זיצונג האָט געדויערט דריי און אַ האַלבע שעה.

חבר ד. בן־גריון האָט באַגריסט דעם גאַסט אינם נאָמען פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. חבר י. בן־צבי האָט געגעבן אַן איבערבליק איבער דער אָרגאַניזאַציע און אירע פאַרשידענע טעטיקייטן. אַגראָנאָם י. עטינגער האָט דערציילט וועגן די אַגריקולטורעלע קאָאָפּעראַטיוון און זייערע פאַרשידענע געשטאַלטונגען — קליינע קבוצות, אַרבעטער־זידלונגען, די גרויסע קבוצות און דער אַרבעטער־באַטאַליאָן. ער האָט אויך גערעט וועגן די יסודות, אויף וועלכע זיי זיינען געבויט: נאַציאָנאַליזאַציע פון באָדן און קיין געדונגענע אַרבעט.

חבר דוב הוז האָט געגעבן אַ באַריכט וועגן די עפנטלעכע אַרבעטן, וועלכע די אַרבעטער פירן אויס און בפרט וועגן די שאָסעען וואָס זיי בויען.

ד״ר הוגאָ בערגמאַן האָט געגעבן אַן איבערבליק וועגן דער קולטור־קאָמיסיע פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועגן דער ערציונגס־טעטיקייט פון די לערער צווישן די אַרבעטער אַליין און פאַר זייערע קינדער.

ראַמזיי מאַקדאָנאַלד האָט געשטעלט אַ סך פֿראַגן, און פֿון די ענטפֿערס זיינען אויפֿגעקלערט געוואָרן די אויפֿגאַבן פֿונם נאַציאָנאַל-פֿאָנד און זיין אַגראַר-פּאָליטיק, די וויכטיקייט פֿון דער אַרבעטער-באַנק, פֿון דער קאָנסום-געזעלשאַפֿט „המשביר", פֿונם פּאַלעסטינע-אַרבעטער-פֿאָנד און פֿון דעם געצייג-קאַמפּיין.

דער גאַסט האָט זיך טיף פֿאַרינטערעסירט אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון די אַרבעטער-ווירטשאַפֿטן און אין די פֿאַרשידענע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען מיט דער דאָזיקער אַרבעט פֿאַרבונדן.

צום סוף האָט ער געזאָגט פֿאָלגענדעס:

„ווען די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן, האָב איך מיך צו איר באַצויגן קריטיש, ניט ווייל איך האָב מיט איר ניט סימפּאַטיזירט, נאָר ווייל איך בין געווען איבערצייגט, אַז זי וועט ניט געלינגען. איך האָב ניט געגלויבט אינם וועג, וועלכן זיי האָבן דאָרט אויסגעקליבן צו פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם.

„נאָכדעם וואָס איך האָב דאָ אויף דעם פּלאַץ דערפֿאַרן וועגן אייערע אַרבעטס-מעטאָדן, בין איך טיף איבערצייגט, אַז אייער וועג איז דער ריכטיקער — און איר וועט האָבן ערפֿאָלג. איר האָט אָנגעהויבן פֿונם פֿונדאַמענט. איר האָט זיך ניט פֿאַרלאָזט אויף קיין איין טעאָריע און צוגעשניטן די אַרבעט נאָך איר. איר אַרבעט מיט אַ וויסנשאַפֿטלעכן סיסטעם — איר מאַכט פֿאַרשידענע עקספּערימענטן, און אויב איינער וועט ניט געלינגען, וועט אייער בנין ניט צעפֿאַלן ווערן. אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דעם נאַטור-יסוד פֿון דער אַגריקולטורעלער אַרבעט, דרינגט איר אַריין אין די פֿאַרשידנסטע צווייגן פֿון אַרבעט און פֿאַרנעמט די עפֿנטלעכע אַרבעטן אין די פֿאַרשידענע אינדוסטריען. אויף דעם דאָזיקן וועג — זייט איר זיכער מיט ערפֿאָלג.

„איר זייט שוין אַן עקאָנאָמישע קראַפֿט אין לאַנד. שטאַרק איז ניט בלויז דער, וואָס געוועלטיקט איבערן קאַפּיטאַל און איבער

די מאַשינען. די עקאָנאָמישע מאַכט איז בײַ דעם, װער עס אָרגאַניזירט די אַרבעט. אין אײַערע הענט איז די אָרגאַניזאַציע פֿון דער אַגריקולטור-אַרבעט און פֿון אַנדערע אַרבעטן. גײט מיט דעם װעג — און זיגט. איר מוזט זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט דער קאָאָפּעראַטיװער באַװעגונג אין בעלגיען, מיט די קאָאָפּעראַציעס אין פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער. קומט מיט זײ אין עקאָנאָמישע באַציִונגען. דאָס װעט אײַך קרעפֿטיקן און פֿאַרזיכערן אײַער לאַגע.

„אײַער אױפֿגאַבע איז ניט קײן לײַכטע. איר באַגעגנט און װעט נאָך באַגעגנען אַלערלײ שטערונגען. דערשרעקט זיך ניט, פֿאַרפֿעסטיקט אײַער אַרבעט — און גײט פֿאָרװערטס”.

דאָס געשפּרעך איז נאָך דעם אַרױף אױף די פֿאַרשידענע פֿראַגן אין לאַנד: די רעגירונגס-אַנגעלעגנהײטן, די באַציִונגען פֿון די שכנים, דער מאַנגל אין שוץ-געזעצן פֿאַר די אַרבעטן, די שטערונגען פֿון אימיגראַציע, די פֿאַרבינדונגען מיט דער „לײבאָר פּאַרטי” אין ענגלאַנד.

מאַקדאָנאַלד האָט אַרױסגעװיזן אַ טיפֿן און אַלזײטיקן פֿאַרשטענדניש און אַ סימפּאַטיע און גרױסע פֿרײַנטשאַפֿט צו דער אַרבעט אין ארץ-ישׂראל.

„די ענגלישע אַרבעטער — האָט מאַקדאָנאַלד דרך-אגב געזאָגט — װײסן ניט פֿון אײַער טעטיקײס, און איר מוזט זיך באַמיען, אַז די אַרבעטער פֿון דער װעלט און די ענגלישע אַרבעטער זאָלן זיך באַקענען מיט אײַער טעטיקײט. די אַרבעטער-באַװעגונג אין ענגלאַנד באַציט זיך מיט סימפּאַטיע צו דעם צוריקקער פֿון די יידן אין זײער לאַנד, אָבער נאָר װײניקע פֿון אירע פֿירער פֿאַרשטײען גוט דעם ציוניזם אין זײַן אמתן אינהאַלט. אױב איר װעט זיך װענדן צו די ענגלישע אַרבעטער נאָר אינם נאָמען פֿון אײַערע היסטאָרישע פֿאָדערונגען, װעלן אײַך אפשר באַגרײַפֿן בלױז

די רעליגיעזע צווישן די אַרבעטער, וואָס ווילן אַז ס׳זאָל מקוים ווערן וואָס די נביאים האָבן פֿאָרויסגעזאָגט. צו דער גרויסער מאַיאָריטעט פֿון די אַרבעטער דאַרף איר קומען מיט די מעשׂים וואָס איר באַשאַפֿט אין לאַנד. ס׳איז נויטווענדיק, דער ענגלישער אַרבעטער זאָל וויסן, אַז ווער עס זוכט אַ לייזונג צו דער פֿראַגע פֿון די לוין־אַרבעטער, דאַרף פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל (שטודירן די פֿראַגע); ווער עס וויל פֿאַרשטיין, ווי מען נאַציאָנאַליזירט דעם באָדן — זאָל זיך ווענדן צו אייערע קבוצות ווער עס אינטערעסירט זיך מיט דער גילדן־באַוועגונג — זאָל קומען אויף דעם שאָסע טבריה־צמח. דער ענגלישער אַרבעטער אינטערעסירט זיך ניט פֿיל מיט אינטערנאַציאָנאַלע פֿראַגן. ניט נאָר קען ער ניט קיין פֿרעמדע לענדער — ער אינטערעסירט זיך אפֿילו ניט מיט די ענגלישע קאָלאָניעס. אָבער ווען ער האָט דערהערט וועגן אַ נייער שיטה צו פֿאַרזיכערן דעם אַרבעטערס לעבן אין דייטשלאַנד — האָט ער אָנגעהויבן זיך צו פֿאַרינטערעסירן מיט דייטשלאַנד. ווען ער האָט דערהערט וועגן אַן אַרבעטער־רעגירונג און סאָציאַלע רעפֿאָרמען אין קווינסלאַנד — האָט ער זיך פֿאַרינטערעסירט מיט קווינסלאַנד. דער ענגלישער אַרבעטער דאַרף זיך באַקאָנען מיט אייערע אויפֿטועכצן — וועט ער ווערן נאָענט צו אייך.

מאַקדאָנאַלד׳ס לעצטע רעדע צו די יידישע אַרבעטער.

אויף דעם אָפּשידס־אָוונט, וואָס די אַלגעמיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָט געגעבן מאַקדאָנאַלד׳ן און מאָרגאַנ׳ן אַ נאַכט פֿאַר זייער אָפּפאָרן פֿון ארץ־ישראל, האָבן די געסט באַגריסט ד. בן־גוריון און י. בן־צבי (פֿון דער אחדות העבודה) און א. בלומענפֿעלד (פֿונם אַלוועלטלעכן פועלי־ציון־פֿאַרבאַנד).

מאַקדאָנאַלד האָט דאַן גענומען דאָס וואָרט און האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג דערפֿון, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין ארץ־ישראל.

ער האָט אויך באַרירט די אינטערנאַציאָנאַלע פֿראַגן און גערעט פֿון דער פֿאַראייניקונג פֿון אַלע דריי אינטערנאַציאָנאַלן און ווי דאָס וועט ווירקן אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין ארץ־ישראל.

ער האָט נאָך דעמאָלט וואַרשיינלעך ניט געוואוסט, אַז ער וועט זיך אַליין באַטייליקן אין דער ערשטער צוזאַמענקונפֿט פֿון די פֿאָרשטייער פֿון די דריי אינטערנאַציאָנאַלן אין בערלין.

אָט דאָס איז זיין גרויסע רעדע אין ירושלים:

„מיין פֿריינט מאָרגאַן און איך פֿאָרן מאָרגן פֿון דאַנען אָפּ און מיר טראָגן אַוועק אַ סך גוטע און טייערע ערינערונגען פֿון ארץ־ישראל, — און איינע פֿון די אָנגענעמסטע איז — די ערינערונג פֿון אייער גאַסטפֿריינטשאַפֿט. איך האָב אַ סך לענדער באַזוכט

אין מיין לעבן און אין קיין לאַנד האָב איך ניט געפֿונען אַזאַ גאַסטפֿרייַנטשאַפֿט, אין ערגעץ בין איך נישט אויפֿגענומען געוואָרן מיט אַזעלכע אָפֿענע אָרעמס ווי צווישן אייך. ווען איך בין אַהער געקומען האָב איך מיך געפֿילט ,ווי אין מיין אייגענער „נאַציאָנאַלער היים״. כ׳האָב באַלד געטראָפֿן חברים, וועמענס געדאַנקן זיינען מיינע געדאַנקן, וועמענס אָנשויונגען זיינען מיינע אָנשויונגען. ווען איר האָט מיר דערציילט אייערע מיינונגען, האָב איך דערזען, אַז מיר זיינען איינפֿאַרשטאַנען. און וואָס ס׳איז נאָך וויכטיקער — איך טייל ניט נאָר אייערע מיינונגען, נאָר אויך אייערע האָפֿנונגען און אייערע שטרעבונגען, און בין איבערצייגט, אַז דער וועג, מיט וועלכן איר גייט צו דער רעאַליזירונג פֿון אייער אידעאַל — איז דער ריכטיקער וועג.

ווען איך האָב געזען איבערן לאַנד אייערע מענער און פֿרויען — אַרבעטן אויף די וועגן און ביי געביידעס, גראָבן און אויסלייגן די וועגן, אַקערן און זייען, זעצן און פֿלאַנצן בוימער — און האָב געפֿונען צווישן זיי די באַגייסטערונג און איבערגעבנקייט פֿון רעאַליזירער פֿון די סאָציאַלע אידעאַלן פֿון דער מענשהייט — האָב איך מיך דערמאַנט אָן דער ערשטער „שיבת ציון״, וואָס ווערט דערציילט אין תנ״ך און וועלכע איך האָב געלערנט אין מיין קינדהייט. כ׳האָב מיך דערמאַנט אָן אייערע אור־עלטערן, וואָס האָבן געאַרבעט האַלטנדיק אין איין האַנט די שווערט און מיט דער צווייטער האָבן זיי פֿאַריכט די מויער פֿון ירושלים. אויך איר שטייט ביי אַזאַ מין אַרבעט, נאָר איר פֿאַריכט ניט קיין צע־שטערטע וואַנט, איר בויעט די פֿרייהייט פֿון אַ פֿאָלק. און ניט נאָר די פֿרייהייט פֿון אַ פֿאָלק. אויב אייערע עקספּערימענטן זאָלן באַגליקן און זיך אויסברייטן, — וועט איר זיין אַ מוסטער פֿאַר דער גאַנצער וועלט. איר בויט נישט קיין פשוטע הייזער און פֿלאַנצט נישט קיין פשוטע ווייַן־גערטנער — איר שאַפֿט פֿרייע

געמיינדעס פֿון אַרבעטער, וועלכע לייגן אויס אַ נייעם וועג פֿאַר די אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט.

מען פֿלעגט זיך ווענדן קיין ארץ־ישראל נאָך אַ גייסטיקער און רעליגיעזער אינספּיראַציע, אויב אייער אַרבעט זאָל אָפּגליקן — וועט זיך די וועלט ווענדן צו אייער לאַנד נאָך אַ סאָציאַלער און פּאָליטישער פֿאַרפֿולקאָמונג. איך ווייס ניט, אויב איר שאַצט אָפּ ווי געהעריק די גרויסע געלעגנהייט, וועלכע איר האָט באַקומען אין דער היגזיכט פֿון סאָציאַלער שאַפֿונג. די רוסישע רעוואָלוציע איז צוריק מיט 4 יאָר געווען די האָפֿנונגס־זייל פֿונם אַרבעטער אין דער וועלט. אַלע אויגן זיינען צו איר געווענדעט געווען מיט האָפֿנונג און גלויבן. זי האָט אָבער אָנגעהויבן מיט פֿריער־באַשטימטע מיינונגען, און וועלכע ס׳איז ניט געווען קיין ממשות, און איצט מוז זי מאַכן אַ שריט צוריק. די גאַנצע באַגייסטערונג, אַלע האָפֿנונגען, אַלע פֿאַרשפּרעכונגען זיינען זיך צעגאַנגען ווי רויך.

אייך קאָן מען כמעט נישט אין דער ברייטער וועלט. קיין איין גרויסע צייטונג אין דער וועלט ווידמעט נישט אפילו קיין געציילטע שורות צו אייער אַרבעט, וואָס איז געבויט אויף קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם, ס׳וועט נישט פֿאַרביי קיין סך צייט און די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט וועט זיך ווענדן צו אייך און וועט זאָגן: „זיי האָבן אונז אָנגעוויזן דעם וועג“.

און דערפֿאַר טראָג איך פֿון דאַנען אַרויס אין מיין האַרצן נישט בלויז די ערינערונג פֿון אייער גאַסטפֿריינטשאַפֿט, נאָר אויך אַ גרויסע האָפֿנונג. מיינע אויגן וועלן זיך ווי דניאל׳ס אויגן אין דער צוקונפֿט ווענדן קיין ירושלים — אָבער מיט אַן אַנדערן צוועק ווי ער.

דער פֿאָריקער רעדנער האָט דערמאַנט די ענגלישע אַרבעטער אין די ערזאַץ־וואַלן פֿון פֿאָריקע וואָך. די דאָזיקע נצחונות זיינען

ווירקלעך קרעפֿטיקנד. ווען איר וואָלט געוואוסט, ווי אַזוי און וואו ס'זיינען דאָס מאָל געווײלט געוואָרן די אַרבעטער-דעפּוטאַטן — וואָלט איר דעם זיג נאָך מער אָפּגעשאַצט. לאָנדן און מאַנטשעסטער האָבן דאָס מאָל געווײלט אַרבעטער-דעפּוטאַטן. לאָנדן — זי איז אַ סך יאָר געווען ווי אַ מדבר פֿאַר סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די לאָנדאָנער מאַסן האָבן ניט געוואָלט וויסן פֿון קיין אַרבעטער-באַוועגונג און האָבן איר ניט געגעבן קיין האָפֿנונגען. אין די לעצטע זעקס חדשים האָט אָבער לאָנדן געשיקט צוויי דעפּוטאַטן אין ענגלישן פּאַרלאַמענט.

מאַנטשעסטער איז דער צענטר פֿון דעם ליבעראַלן אינדיווידואַליזם, דאָ איז נישט געווען קיין זכר צו קיין סאָציאַליזם, און די דאָזיקע מאַנטשעסטער האָט אונז געקרוינט מיט אַ נצחון. די דאָזיקע וואַלן ברענגען אונז די בשורה פֿון נאָך אַ גרעסערן נצחון אין די צוקינפֿטיקע אַלגעמיינע וואַלן. מיר שטיין אין ענגלאַנד פֿאַר נייע וואַלן, און אויף דעם פּלאַץ פֿון צענדליקער דעפּוטאַטן, וועלכע מיר האָבן איצט, האָף איך, אַז די אַלגעמיינע וואַלן וועלן אונז געבן הונדערטער, און דעמאָלט, זאָג איך אייך צו, וועט אונזער פּאַרטיי ניט זיין בלויז אַ אינזל-פּאַרטיי; זי וועט זיך פֿאַרייניקן מיט דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער-משפּחה, און וועט אין איר האָבן דעם לייבן-טייל.

דער ענגלישער אַרבעטער איז אַן אינזל-מענש — איך מוז אויף מיר זאָגן, אַז איך בין גאָר קיין ענגלענדער נישט אין דיזער הינזיכט, — דער ענגלישער אַרבעטער איז געווען פֿאַרשלאָסן אין אַן ענגער ראַמל פֿון זיינע אינזל אינטערעסן, אָבער איצט קומט פֿאָר אַן ענדערונג — דאָס קאָן איך אייך פֿאַרזיכערן.

און די לייבאָר פּאַרטי נאָך די אַלגעמיינע וואַלן, אין וועלכע די אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי וועט אויך שפּילן אַ גרויסע ראָלע, וועט ווערן אַ גוואַלדיקע איינפֿלוסרייכע קראַפֿט אין דער

אַלוועלטלעכער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג — און זי וועט באַשיצן אייערע אינטערעסן ווי אירע אייגענע.

צום באַדויערן איז נאָך ניט ווידער אויפֿגעשטעלט געוואָרן דער פֿאַראייניקטער אינטערנאַציאָנאַל.

איך בין אָנגעשלאָסן אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, איר — אין ווינער. איך בין געווען איינער פֿון די, וואָס זיינען געווען אומצופֿרידן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלס שטעלונג אין דער קריגס־צייט. איר ווייסט, אַז איך האָב ניט מורא געהאַט צו זאָגן מיינע מיינונגען קעגן קריג אין דער הויך. און אַזוי ווי איך אַזוי איז אויך מיין חבר מאָרגאַן געבליבן געטריי צו אונזער אמונה אין אינטערנאַציאָנאַליזם און מיר האָבן געליטן פֿאַר אונזער מיינונג, מיר האָבן פֿאַרלוירן אונזערע פּלעצער אין פּאַרלאַמענט.

איך בין געווען אומצופֿרידן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל און האָב געוואָלט אַריינברענגען ענדערונגען אין אים.

איך האָב פֿאַרלאַנגט פֿון אים מער תקיפֿות, מער ראַדיקאַליזם, אָבער איך בין געווען קעגן שפּאַלטונגען. איך האָב געפֿילט, אַז די שפּאַלטונג וועט ברענגען שרעקלעכע טעג אויף דער אַרבעטערבאַוועגונג, און זי וועט שטערן די גאַנצע אַרבעט. דערפֿאַר האָב איך געזאָגט: ווי שלעכט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל זאָל ניט זיין — מוזן די ראַדיקאַלן אונזערע אַריינברענגען אין אים אונזער גייסט — און זיי וועלן האָבן ערפֿאָלג.

איך פֿריי מיך אייך צו זאָגן, אַז מיין בליק ווערט איצט אַלץ מער אָנגענומען אין אַלע קרייזן. פֿאַר מיין רייזע האָב איך באַקומען אַ בריוו וועגן אַ געמיינשאַפֿטלעכער זיצונג פֿון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל מיט דער „ווינער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטס־געמיינשאַפֿט“. איך ווייס נאָך ניט, וואָס האָט פּאַסירט אויף דער זיצונג, אָבער איך האָף, אַז מען גייט צו פֿאַראייניקונג. מען מוז פֿאַראייניקן דעם צווייטן, דעם ווינער און דעם דריטן אינטערנאַציאָ־

נאַל. די שפּאַלטונגען האָבן אונז געמאַכט צו געלעכטער. די פֿאַרייניקונג דאַרפֿן ניט נאָר די אַרבעטער. ניט פֿאַראַן קיין איין פֿאָלק אין גאַנץ אייראָפּע, וואָס זאָל ניט וואַרטן אויף דער הילף פֿון דעם פֿאַרייניקטן אינטערנאַציאָנאַל. ווי שטאַרק וועט איר זיין — ווען איר וועט זיין אָנגעשלאָסן אין אַן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס וועט פֿאַרייניקן אַלע טיילן פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין דער וועלט.

איר ווייסט, אַז אויב אונז וועט אָפּגליקן צו פֿאַרייניקן דעם אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער זאָל זיך שטעלן אויף אייער יסוד — ניט צו רעדן, נאָר צו טון, ניט צו באַשעפֿטיקן זיך מיט ווערטער און טעאָריעס, נאָר מיט בויען און אַרבעטן, מיט סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע, ניט בלויז מיט קאָנסטיטוציעס, נאָר מיט לעבנס-שאַפֿונגען, מיט אַרבעטער-אַגריקולטור און אַרבעטער-זידלונגען — דאַמאָלס וועלן מיר גיין פֿאָרווערטס און וועלן ווערן אַ ריזיקער כח, וואָס וועט באַפֿרוכפּערן די גאַנצע וועלט.

צו מיין באַדויערן מוזן מיר זיך באַלד שיידן. איך קאָן ניט ווייטער זאָגן אַלץ, וואָס איז אין מיין האַרצן. איך וועל בלויז זאָגן: כ׳בין דאָ געווען אַ צו קורצע צייט, איך זאָל דענקען אַז מיינע מיינונגען האָבן אַ גרויסע באַדייטונג. אָבער איינס ווייס איך — פֿאַר דער צייט, וואָס מיר זיינען דאָ געווען אין לאַנד, האָבן מיר באַגעגנט מענער און פֿרויען, וועלכע זיינען פֿעיק אַריבערצוקומען אַלע שטערונגען אויפֿן וועג פֿון זייער אידעאַל. און ווען איך האָב דערזען מענער און פֿרויען, וועלכע זיינען געווען הונדערטער יאָרן פֿאַרפֿאָלגט — און דאָך זיינען זיי פֿול מיט אַזאַ ענערגיע און ווילן — ווען איך האָב דערזען מענער און פֿרויען פֿון העכערער בילדונג און פֿעיקייטן, וועלכע וואָלטן זיך געקאָנט בויען אין אייראָפּע זייער פּריוואַט גליק — און דאָך זיינען זיי געקומען אַהער אַרבעטן און גיבן זיך ניט איבער צו דער הערשאַפֿט פֿון

קאַפּיטאַל, נאָר האַקן שטיינער, גראָבן קאַנאַלעס, אַקערן די ערד, זייען און פּלאַנצן — ווען איך האָב דערזען אַט אַזעלכע מענשן — האָב איך געזאָגט צו די העברעער בעאַמטן אין לאַנד: די דאָזיקע מענשן וועט קיינער ניט באַזיגן. איר וועט ניט צעברעכן זייערע אידעען און וועט זיי ניט אַראָפּפירן פון זייער וועג. זיי וועלן זיך אַריינגראָבן אין דער דאָזיקער ערד און דורך זיי וועט זי אויפבליען.

דאָס איז די ערינערונג וואָס איך טראָג פון דאַנען אַוועק — און דאָס וועל איך דערציילן מיינע חברים.

איך ווייס ניט, צי וועל איך נאָך אַמאָל צוריק קומען אַהער, אין אייער לאַנד, צי ניין. איך פריי מיך און איך בין שטאָלץ, וואָס איך בין דאָ געווען.

איך פאָר אַוועק פון דאַנען רייך מיט זכרונות — און איך וועל זיי דערמאָנען זיצנדיק אַ סך מאָל, אויף פילע פאַרזאַמלונגען פון חברים. ווען מיר וועלן זיך אומקערן קיין ענגלאַנד, וועלן מיר נאָך אַ מאָל איבערגיין די געשפרעכן, וואָס מיר האָבן מיט אייך דאָ געהאַט, די באַגעגנישן, וואָס מיר האָבן געמאַכט, די וועגן און רייזעס פון ירושלים דורך אייערע קאָלאָניעס קיין דמשק און צוריק, מיר וועלן אין די צוקינפטיקע יאָרן ווידער און ווידער געדענקען, אַז אין חודש פעברואַר 1922 זיינען מיר געווען אורחים ביי די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

איר האָט אונז אויפגעמונטערט מיט אייערע ווערק און מיט אייערע מעשים. אייערע הענט און אונזערע הענט האַלטן איין פאָן און פיל ענערגיע און גלויבן האָט איר אַריינגעגאָסן אין אונזער האַרץ.

ציוניזם און פּאַלעסטינע.

פֿאַר איינעם, וואָס איז אויפֿגעוואַקסן אין קריסטנטום איז שווער צו בּאַטראַכטן פּאַלעסטינע אַלס סתם אַ געאָגראַפֿישן שטח אָדער עפּעס אַ וועלטלעכע מדינה. דער גייסט, וואָס האָט געטריבּן די קרייץ־צוגן קיין מזרח איז שוין טאַקע לאַנג פֿאַרשוואונדן. נאָר אין די פֿינסטערסטע הינטערגעסלעך איז נאָך געבּליבּן בּירושה אַ שלעכט געפֿיל קעגן די מוסולמענער אַלס אַזעלכע. אָבער פֿונדעסטוועגן, בּלייבּט נאָך אַלץ ארץ־ישראל אין אונזער נשמה אַ גאַנץ בּאַזונדער מין לאַנד, וואָס ליגט מחוץ פֿון אַלע פּאָליטישע געדאַנקען, וואַרט אויף דער דערפֿילונג פֿון איר בּאַשטימונג און טראָגט אין זיך אַ טראַדיציע, וואָס שטעלט די מענשלעכע געשיכטע אויף אַ גאָר אינטימען אופן אונטער דער דירעקטער השגחה פֿון געטלעכע צוועקן. דערפֿון נעמט זיך עס, וואָס דענסטמאָל, ווען דער חיל פֿון דער אַנטאַנט האָט זיגרייך מאַרשירט קעגן ירושלים, האָט אויף איין אויגנבּליק אַ ציטער געטון די קריסטלעכע וועלט פֿונם סאַטיספֿאַקציע־געפֿיל. און אין זיין התפּעלות האָט דאָס פֿאָלק אַ רעט געטאָן וועגן „דעם לעצטן קרייץ־צוג", נאָך מער, וועגן דעם, אַז די הבטחות פֿון די נביאים ווערן מקוים: „יידן גיין צוריק קיין ארץ־ישראל". און ניט קלערנדיק קיין סך וועגן דעם זין, האָט מען אַ וואָרף געטאָן דאָס וואָרט „נאַציאָנאַלע היים", וואָס איז פֿאַרשאַפֿט געוואָרן פֿאַרן צעזייטן און צעשפּרייטן יידישן פֿאָלק

פֿאַרשטייט זיך, דאָס אַלץ האָט געבראַכט אויף שאָדן. דער מאַהאָמעדאַנער אין פֿאַלעסטינע האָט געהערט די ווערטער, האָט געזען די סאַטיספֿאַקציע און איז נאַטירלעך געוואָרן באַלײדיקט. די רעליגיעזע קאָנפֿליקטן פֿונם מיטלאַלטער — האָט ער געטראַכט — לעבן אַ פּנים נאָך אַלץ, און דער קריסטלעכער מערב פֿירט נאָך אַלץ מלחמה מיט אים. אָבער דער חשד איז באַלד אַריבער. דער אינטעליגענטער מוסולמאַנער איז איידל. ער, וואָס איז אויסגעפֿולט פֿון זיין אמונה, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די שטילע וואַסערן פֿונם קריסטנטום האָבן זיך נאָר אויף אַ ווײלע אַ רודער געטון און באַלד וועלן זיי זיך ווידער באַרויקן. קענענדיק זיין נשמה, האָט ער אויך אונזערע דערקענט; און ער האָט קיין מורא ניט געהאַט, אַז פֿון אונזער האַלטונג זאָל אַרויסוואַקסן אַ שטענדיקער אַנטאַגאָניזם.

אָבער דער שאָדן האָט געהאַט נאָך אַן אַנדערע סבה. מיר האָבן אַרויסגערופֿן דעם אַראַבישן אויפֿשטאַנד קעגן דער טירקיי, צוזאָגנדיק צו שאַפֿן אַ אַראַבישע מלוכה פֿון אַלע אַראַבישע פּראָווינצן אין דער טערקישער אימפּעריע, אַריינגערעכנט אויך פּאַלעסטינע. אין דער זעלביקער צייט, האָבן מיר אויפֿגערופֿן די יידן אונז צו העלפֿן, צוזאָגנדיק זיי, אַז ארץ־ישראל וועט איבערגעגעבן ווערן אין זייער רשות פֿאַר קאָלאָניזאַציע און פֿאַרוואַלטונג. און אַלץ אין דער גלייכער צייט האָבן מיר שטילערהייט אָפּגעמאַכט מיט פֿראַנקרייך דעם סיקס־פּיקס אָפּמאַך, צעטיילנדיק אויף אַזאַ אופֿן דאָס לאַנד, וואָס מיר האָבן געהייסן אונזער גענעראַל־גאָווערנער אין מצרים צוצוזאָגן צו די אַראַבער.

ווען מען ווייס, וואָס עס טוט זיך אין די טיפֿענישן פֿון די באַוועגונגען אינם מזרח, קען מען זיך ניט טרייסטן דערמיט, אַז דער אַראַבער האָט פֿאַרגעסן די הבטחות אָדער האָט מותר געווען

אויף זיי, און אַז אונזער דאָזיקער חטא וועט גיך פֿאַרלירן זיין פּאָליטישע השפּעה.

מיר האָבן באַהאַנדלט די מוסולמענער אויף אַ משוגענעם אופן.

דאָס איז דער הינטערגרונד פֿון די איצטיקע ארץ־ישראלדיקע פּראָבלעמען. פֿון פֿאָרנט וואַרפֿט זיך אָבער אין די אויגן אַ שורה פֿון חשדים און פּחדים, פֿון טראַדיציאָנעלער שנאה און פֿון עקאָנאָמישע קאָנפֿליקטן, פֿון קאָנסערוואַטיזם און פֿון רעוואָלוציאָניזם — די אַראַבישע אַגיטאַציע, אַריינגעפֿלאָכטן אינם שטראָם פֿון דער יידישער איינוואַנדערונג.

דאָס ארץ־ישראלדיקע פּראָבלעם דרייט זיך אַרום דער באַזונדערער טראַדיציע אין דער יידישער פּסיכאָלאָגיע און אין דעם קריסטלעכן גלויבן אין די רייד פֿון די נביאים. דער ייד איז זייט אַ סך דורות אַ וואַנדערער און אַ קאָסמאָפּאָליט. און פֿון דעסטוועגן האָט ער קיינמאָל ניט אויפֿגעהערט צו זיין אין גלות. זיין פֿוס האָט ניט געפֿונען קיין היים, אָבער זיין האַרץ האָט ניט פֿאַרגעסן ירושלים. בעת ער האָט אויף אַ מוסטערהאַפֿטן אופן דערפֿולט אַלע זיינע בירגערלעכע התחיבות'ן, האָט ער אין זיין אינווייניקסטן תּוך קיינמאָל ניט געפֿילט קיין לעצטע צוגעבונדנקייט צום שטאַט. ביי דער גאַנץ־געבליבענער וואַנט פֿונם חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש אויפֿן הר־המוריה טרעפֿט מען שעה־איין, שעה־אויס, טאָג־איין, טאָג־אויס, אַ דור נאָך אַ דור, מענער און פֿרויען, דאַוונען, מאָנען, וויינען, צינדן אָן ליכט, קושן די טייערע שטיינער. אַ אמת בילד פֿונם טרויריקן עלענד, וואָס האַלט זיך פֿעסט אָן זיין אמונה. זיי בעטן גאָט, אַז ציון זאָל פֿון ס'ניי אויפֿגעבויט ווערן. זיי זענען עס דאָס גאַנצע בית־ישראל. זייער געוויין און זייער האָפֿנונג לעבט אין דעם האַרצן פֿון יעדן יידן. קיין זאַך פֿאַרוואונדערט ניט אַזוי דעם בלאַזירטן מאַטעריאַליסט און דעם וועלט־מענשן ווי דער פֿאַקט, אַז אין די לעצטע יאָרן האָבן יידן פֿון אַלע נאַציעס אונטער דער

זין — סיי דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, ביי וועמען עס איז כמעט אַרויסגעריסן געוואָרן יעדער לעצטער פֿונק פֿון נאַציאָנאַלער טראַדיציע און פֿון רעליגיעזן גלויבן, און סיי די אויפֿגעקומענע יידישע בורזשואַזיע, וועלכע איז ניט ווייניקער פֿאַר אים ווייט אַוועק פֿון יידישקייט — זיך אַ ציי געטון נאָכן דאָזיקן קול, און זייערע הערצער האָבן זיך אַ קער געטון צוריק קיין ארץ־ישראל.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז ניט נאָר דאָס אַליין, אָבער פֿון דעם ציט זי איר יניקה. נאָך אַ סך דורות פֿאַרפֿרעמדקייט, ציט זיך איצט דאָס יידישע פֿאָלק ווידער צוריק קיין ארץ־ישראל, ווי וואַנדערפֿויגעלעך, וואָס דערשפּירן דעם קול פֿון זייער צייט צו פֿליען אַהיים. די פֿיזישע נויט האָט אויך דאָס איריקע געטון, און אַם־ערשטן האָט מען געענטפֿערט אויף דעם רוף צו איינוואַנדערונג פֿון רוסלאַנד, אוקראַינע, פּוילן און מזרח־גאַליציע. אַ טייל פֿון זיי זיינען געווען אקערבויער, אַ גרויסער טייל פֿון זיי זיינען געווען אויסגעבילדעט אין פֿאַרמען און אין לאַנדווירטשאַפֿטלעכע צוגרייטונגס־קורסן, כדי צו קענען אָנפֿירן די זידלונגען וואָס ווערן געשאַפֿן אין ארץ־ישראל. אַ באַדייטנדער טייל פֿון זיי זיינען מענשן מיט אוניווערזיטעט־ און הויכשול־בילדונג, וואָס טויגן פֿאַר פֿאַרשידענע באַשעפֿטיקונגען. אַלע האָבן זיי דעם ווילן צו אַרבעטן און שווער צו אַרבעטן, אפילו שטיינער־האַקן, שאָסעען־לייגן, זומפּן אויסטרוקענען און בוימער פֿלאַנצן. איך האָב זיי געזען ביי זייער אַרבעט. זיי זיינען געווען אָנגעטון אין גראָבע אַרבעטער־קליידער, באַדעקט מיט זומפּ און שטויב, אָפּגעברענט, באַוואַקסן, מיט הענט פֿול פֿון מאָזאָליעס. אָבער קיין שום מאַסקע איז ניט ביכולת צו פֿאַרשטעלן די פֿרייקייט, פֿיינקייט און איידלקייט פֿון מענשן, ביי וועמען דער מח איז אַנטוויקלט געוואָרן פֿריער פֿאַר די מוסקולן, באמת, דאָס איז אַ איינוואַנדערונג פֿון פֿאַרבענקטע! איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן אַ נאַכט, וועלכע איך האָב ביי זיי צוגע־

בראַכט אַלס גאַסט. מיר זיינען געלעגן אין חושך און לײם, נאָכדעם ווי מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן, אויפֿן גשר יעקב. פֿאַרשמוצטע און אויסגעמאַטערטע זיינען מיר אַריינגעפֿאַלן צו זיי אין די הייזער אַריין. בערך צוואַנציק מענשן זיינען געווען פֿאַרזאַמלט אַרום די טישן פֿונם איינפֿאַכן שפּייזצימער, וואו אויף דער ערד איז געווען אַ סך בלאָטע, (דערפֿון קען מען זיך ניט אויסהיטן, ווייל דער אָרט ליגט מיטן אין אַ זומפּ. אָבער אויסערדעם האָט אומעטום געפֿונקלט פֿון ריינקייט). בראש פֿון דער געזעלשאַפֿט, איז געווען איינער וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַן אַמעריקאַנישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער שול. נאָכן עסן האָבן מיר דעבאַטירט ניט נאָר וועגן פֿראַגן פֿון ציוניזם און קאָלאָניזאַציע, נאָר אויך איבער אייראָפּעישע און אַמעריקאַנישע פּאָליטיק, ליטעראַטור, פֿילאָזאָפֿיע, קונסט און רעליגיע, און די מענשן זיינען געווען אַזוי ברענענדיק־וואַך צו אַלצדינג, וואָס קומט פֿאָר אויף דער וועלט. זיי האָרעווען שווער, אָבער זיי זיינען גליקלעך. שפּעט ביי נאַכט זיינען מיר באַגלייט געוואָרן דורך נאָך אַ גרעסערן זומפּ צו אונזער שלאָף־צימער — אַ גרויסן לופֿטיקן חדר, מיט אַ שטיינערנער בריק, אויף וועלכער יעדער טריט אונזערער האָט איבערגעלאָזן סימנים פֿונם שמוץ. צוויי בעטן מיט זער ריינעם בעטגעוואַנט זיינען געשטאַנען פֿאַר אונז גרייט, אויף וועלכע מיר האָבן זיך אין גרויס קאָמפֿאָרט אויסגעשלאָפֿן. אויפֿגעשטאַנען בין איך מיט דער זון. ביים אָנטון זיך איז אַ פֿריילעכע גרופּע פֿון מיידלעך, מיט די העק אויף די אַקסלען פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַרביי מיין פֿענסטער, אויפֿן וועג צום פֿעלד. די קליינע געזעלשאַפֿט איז שוין געווען ביי דער אַרבעט. אַזוי זעט אויס דער ייד וואָס גייט צוריק קיין ארץ־ישראל. ער איז אַ אידעאַליסט און אַן אַרבעטער. ער האָט פֿאַר זיך דעם חלום אויפֿצובויען ארץ־ישראל פֿאַר אַ היים פֿון זיין פֿאָלק און די ליבע באַפֿרוכטעט אַ סך זיין אַרבעט. ווען ער גראָבט, זייעט און

פּלאַנצט — דינט ער אָט דעם חלום זיינעם. אין זיין אַרבעט לעבט אַ סך מער דאָס געפיל, אַז ער גיט פאַר ארץ־ישראל איידער אַז ער נעמט וואָס פאַר זיך. אָבער דאָס הייסט לגמרי ניט, אַז ער איז בלויז אַ סענטימענטאַליסט און אַן אַמאַטאָר. זיין אויפפאַסונג פון זיין אַרבעט איז אַ געניע. זיינע אַרבעטסמעטאָדן זיינען פּראַקטישע: ער שאַפט עקספּערימענטאַלע בוים־שולן, זאַמלט מאַגאַזינען מיט מאַשינען, וועלכע וועלן נוצלעך זיין אין די ארץ־ישראלדיקע באַדינגונגען, שטודירט די קונסט פון בערג־טעראַסירונג, גרייט צו די מעגלעכקייט אויסצונוצן די וואַסערקראַפט פונם ירדן פאַר עלעקטריציטעט און באַוואַסערונג, גרינדעט האַנדווערקערייען, קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן און א. וו. אויף איינע פון די נייסטע ישובים, אין נוריס, צו פוסן פון הרי גלבוע, וואו ס'אַרבעטן 150 מענשן האָב איך זיי דערוואוסט אויפאַקערנדיק אַ וויכט שטיק לאַנד און פאַרפלאַנצנדיק די אויסגעברענטע בערג מיט בוימער. זיי האָבן זיך אָנגענומען צו פלאַנצן 14000 עקאַליפּטוס־בוימער, 4000 קיפּער, 5000 ציפּרעסן, 10.000 אייל־בוימער, צוזאַמען מיט עפּל, אָראַנזשן און מאַנדל־בוימער. אַמעריקאַנישע מאַשינען זיינען גראָד דענסטמאָל אָנגעקומען, און שמידערייען און טסאָלאַרייען האָבן געהאַלטן אין אָנהויבן זייער אַרבעט.

אין דעם ערנסט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע קען מען גאָר ניט מסופק זיין. צען יאָר פון אַזאַ אַרבעט, ווי די וואָס איך האָב געזען און ארץ־ישראל ווערט הונדערט מאָל אַזויפיל רייכער.

אָבער די איינוואַנדערונג רופט אַרויס אַ ווידערשטאַנד. שוין זיינען פאָרגעקומען דריי ערנסטע אומרוען: צוויי אין ירושלים און איינס אין יפו. קריטישע סיטואַציעס זיינען אויסגעוואַקסן אויך ערגעץ אַנדערש־וואו, און געוויסע אַראַבישע פירער זאָגן אונז איינפאַך, אַז אויב מיר וועלן ניט ענדערן אונזער פּאָליטיק, וועלן זיי אונז אָנטון נאָך מער צרות. אויב די באַלפור־דעקלעראַציע פון א

יידישן נאַציאָנאַלן היים איז טאַקע ניט נאָר אומרייף לויט איר פֿאָרם, נאָר אויך אוממעגלעך לויט איר צוועק — דענסטמאָל מוז מען זיך בויגן פֿאַר דער נויט און אָפּזאָגן זיך פֿון איר. אָבער — מיר מוזן קודם זיין גאַנץ זיכער אין דער ריכטיקייט פֿון אַזאַ הנחה, איידער מיר מאַכן אַזאַ אויספֿיר.

אין איר עלעמענטאַרסטער, ווען אויך אומפֿולקאָמער פֿאָרם, איז די פֿאָדערונג פֿון די אַנטי־יידישע אַראַבישע פֿירער: זעלבסטבאַשטימונג! פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער היינטיקער באַפֿעלקערונג איז פּאַלעסטינע אַ אַראַבישער שטאַט, מיט 700 טויזנט מענשן, פֿון וועלכע בלויז 70 טויזנט זיינען יידן. מיר זיינען דאָ זייט הונדערטער יאָרן — טענה'ן אָט די אַראַבער — און דאָס לאַנד פֿאַרלאַנגען מיר פֿאַר זיך. מיר דאַרפֿן האָבן די מאַכט צו פֿאַרווערן יעדע איינוואַנדערונג, וואָס קען אונז איינשלינגען".

אָט די, אייגנטלעך קאָנסעקווענטע פֿאָדערונג, האָט אָבער קיין שום יסוד ניט צוליב צוויי טעמים:

ערשטנס, קען מען ביי פּאַלעסטינע ניט אָפּנעמען אירע טראַדיציעס, וואָס זיינען נאָך עד־היום לעבנספֿעיקע פּאָליטישע פֿאַקטאָרן. ארץ־ישראל און יידן קענען ניט באַהאַנדלט ווערן איינס אָן דאָס אַנדערע. פֿון איין זייט, קאָן קיין שום זאַך ניט באַרעכטיקן צו אַרויסשטויסן די אַראַבער אויף אַ ברוטאַלן אופֿן אָדער מבטל מאַכן זייערע פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע רעכט אין לאַנד; פֿון דער אַנדערער זייט אָבער, האָבן יידן דאָס רעכט צוגעלאָזן צו ווערן ניט נאָר אַלס יחידים, נאָר אויך אַלס אַ טייל פֿון אַ צעשפּרייטן פֿאָלק, וואָס קערט זיך אום צוריק אַ היים. דאָס פֿאַרלאַנגט, אַז די רעגירונג זאָל רעגולירן און קאָנטראָלירן, כדי דער שטראָם, וואָס קומט אָן זאָל ניט אַרויסרופֿן קיין בירגערלעכע רעוואָלוציאָנערע אויפֿרודערונג און זאָל אויך ניט ברענגען אַ צו־גרויסע צאָל פֿון אָרעמע מענשן, וואָס דאָס לאַנד וועט ניט קענען דערנערן.

דאָס איז די פּאָליטיק, וואָס סער הערבערט סעמיועל פֿירט דורך מיט גרויס קלוגשאַפֿט און פֿאָרזיכטיקייט.

צווייטנס, נוצט די אַראַבישע באַפֿעלקערונג ניט אויס, און איז גאָרניט אימשטאַנד אויסצונוצן און צו אַנטוויקלען די נאַטור־אוצרות פֿון ארץ־ישראל. יעדער וואָס קען דאָס לאַנד, קען וועגן דעם קיין שום ספק ניט האָבן. די צאָל פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג אין היינטיקן ארץ־ישראל, איז, — ווי סער דזש. אדאם סמיט האָט באַוויזן — ווייניקער איידער איין גליל האָט פֿאַרמאָגט בשעת דער אַנטשטייונג פֿון קריסטנטום. אָפֿיציעלע באַריכטן דערציילן, אַז „דאָס לאַנד איז איצט אומאַנטוויקלט און פֿאַרמאָגט פֿיל ווייניקער באַפֿעלקערונג איידער עס קאָן”. גרויסע אַרבעטספֿעיקע שטחים ליגן וויסט. פֿון 12 טויזנט קוו. מייל, וואָס זייַנען מסוגל צו באַאַרבעטונג, ווערן באַאַרבעט נאָר ווייניקער ווי 4 טויזנט” און וואָס ס׳ווערט יאָ באַאַרבעט, ווערט באַאַרבעט שלעכט. „דאָס לאַנד, וואָס ווערט שוין באַאַרבעט, וואָלט קענען אַרויסברענגען אַ סך מער פּירות”; „עס פֿעלן וועלדער” „דער ירדן און דער ירמוק האָבן איבריקע וואַסער, וואָס בלייבט ניט אויסגענוצט”. דורך דער יידישער איינוואַנדערונג ווערט שוין דאָס אַלץ אַנדערש. די עלטערע יידישע קאָלאָניעס און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע שולן האָט מען צו פֿאַרדאַנקען די אַנטוויקלונג פֿון אָראַנזשן־אינדוסטריע פֿון יפו און פֿון די ווייַנגערטנער; און די נייערע — די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע טעכניק און באַוועלדערונג, דעם אָנהויב פֿון וויסנשאַפֿטלעכער באַמיסטונג, די צוגרייטונג פֿון באַוואַסערונג און די אַנטוויקלונג פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָאָפּעראַציע. ארץ־ישראל האָט ניט נאָר אָרט פֿאַר הונדערט־טויזנטער יידן. זי שרייט הויך נאָך אַרבעט און טעכניק!

פֿון וואַנען אָבער נעמען זיך דאַן — אַ חוץ די אַלגעמיינע מוסולמענישע אומרוען — נאָך די רייבונגען צווישן יידן און אַראַ־

בער? אַ סך דערפֿון נעמט זיך פֿון פּראָפּאַגאַנדאַ. יעדער נאַרישער באַריכט פֿון יידישן צד, ווערט איבערגעגעבן פֿון מויל צו מויל, און וואַקסט דערבײַ גוזמאותדיק אויס. אַזוי שושקעט מען זיך צווישן די אַראַבער, אַז די יידן ווילן צונעמען בײַ זיי דעם באָדן, ניט צולאָזן זיי צו דער אַרבעט און אַרויסגנב׳נען זייער אָמאַרמאָשעע. חברות ווי די מוסולמאַנישע פּאַטריאָטישע געזעלשאַפֿט אין חיפה און דער פּאַלעסטינע־קלוב פֿון טבריה טוען וואָס זיי קענען, כדי אָט דעם אומגליק צו באַקעמפֿן.

דער בעסטער פֿאַרמיטלער איז אָבער דער יידישער לאַנדווירט און אַרבעטער, ער קען ניט צולאָזן, אַז ארץ־ישראל זאָל באַשטיין פֿון צוויי סאָרטן אַרבעטער, איינער מיט אַ זער נידריקערער קולטור און לעבנס־מצב ווי דער אַנדערער. דער יידישער אַרבעטער העלפֿט דאַריבער צו הויבן דעם מצב פֿונם אַראַבער. דאָס איז זער אַ שווער שטיקל אַרבעט, אָבער אין אַרבעטער־קאַמפֿן האָט שוין דער אַראַבישער אַרבעטער אָנגעהויבן צו העלפֿן דעם יידישן. די ערפֿאַרונג שיינט צו איבערצייגן, אַז עקאָנאָמישע באַרירונגען ברענגען די פֿעלקער צו האַרמאָניע. אָבער גראָד אַזאַ האַרמאָניע איז אַ פּנים ניט נושא חן אין די אויגן פֿון די אַראַבישע פֿירער. אַראַבישע אַרבעטער, וואָס זיינען פֿאַרינטערעסירט אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג, אַראַבישע פֿעלאַכן, וואָס זוכן הילף קעגן זייערע עקספּלאָאַטאָרן, די לאַנדאייגנטימער — וואָס איז דאָס אַנדערש, ווי באָלשעוויזם?

זאָגן, אַז די מוסולמאַנישע קריסטלעכע פֿירער פֿון די אַראַבער זיינען אויסן בלויז ווירטשאַפֿטלעכע צוועקן, וואָלט הייסן פֿאַרבויגן אַ סך פֿון אמת; אָבער צושליסן די אויגן אויף אָט דער גרויסער השפּעה פֿון די עקאָנאָמישע אינטערעסן אויף די אַראַבישע פֿירער, וואָלט אויך הייסן פֿאַרבויגן אַ באַדייטנדן טייל פֿונם אמת. און ווירקלעך, ווען כ׳האָב שטודירט דעם ציוניזם אין ארץ־ישראל,

האָב איך געפֿונען אַז די אַלט־באַקאַנטע סיבות האָבן געפֿירט צו די אַלטבאַקאַנטע רעזולטאַטן. דער באָדן פֿון ארץ־ישראל געהערט צו רייכע פּריצים, וועלכע האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט אויך דעם באָדן־אייגנטום אין די שטעט, דעם האַנדל און די אינדוסטריע. זיי האָבן געהערשט, געזאַמלט שטייערן און רעגירט איבער אַ געהאָרכזאַמען, אונטערטעניקן פֿאָלק. דאָס אַלץ איז מיט אַ מאָל געשטעלט געוואָרן אין געפֿאַר. דורך דער אָקופּאַציע זיינען די יסודות פֿון דער ארץ־ישראל סאָציאַלער עקאָנאָמיק בטל געוואָרן. יענע, וועמענס אינטערעסן עס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער אַלטער אָרדנונג וואָלטן דערפֿאַר — צי ס׳וואָלט יאָ געווען אַ ציוניזם, צי ס׳וואָלט ניט געווען קיין ציוניזם — סיי ווי געקעמפֿט קעגן יעדער בריטישער אפטרופּסות. די מוסולמאַניש־קריסטלעכע דעפּוטאַציעס, וואָס קומען אַראָפּ אַהער אויפֿצוהויבן זייער אָנקלאַגע קעגן די יידן, אַטאַקירן שטענדיק, אייגנטלעך די בריטישע רעגירונג מער ווי די יידן. זיי זאַמלען די אַראַבער צום קאַמף מער צוליב די פֿאַרטיידיקונג פֿון זייערע אייגענע פּאַרטיקולאַריסטישע אינטערעסן איידער צוליב דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם אַראַבישן פֿאָלק אָדער מוסולמאַנישער אמונה. די ווינדן פֿון אייראָפּע דערגרייכן אויך זיי און זיי קענען זיך ניט אַנטקעגן שטעלן קעגן דעם שטורם. זיי זען ווי עס דערנענטערט זיך דער שאָטן פֿון אַ פֿויער, וואָס איז געשיצט אין זיין אַרבעט און אייגנטום. זיי זען דעם סוף פֿון די אומגערעכטע אָפּצאָלונגען. זיי זען, ווי ס׳טרייסלט זיך זייער ממשלה און זיי קעמפֿן פֿאַר זייער עקזיסטענץ. ווער קען אויף זיי פֿאַריבל האָבן ? זייער אומגליק און זיינע רעזולטאַטן זיינען באַגלייט־ערשיינונגען פֿונם איבערגאַנג, וואָס ארץ־ישראל מאַכט איצט אַדורך. אָבער מיר מוזן זען, אַז זיי זאָלן ניט אידענטיפֿיצירן דעם איסלאַם מיט זיך אַליין און זאָלן אונז ניט שטעלן אין אַ פּאָזיציע, וואָס זאָל מאַכן דעם איינדרוק, אַז

מיר זײַנען ניט נאָר קעגנער פֿון װירטשאַפֿטלעכער אָפּגעשטאַנענקייט און אומגערעכטיקייט, נאָר פֿון דער גאַנצער מוסולמאַנישער װעלט; מיר מוזן תיכף רעדן איבער זייערע קעפּ צו דער גאַנצער אַראַבישער באַפֿעלקערונג און מוזן זיי צובינדן צו אונז אַ דאַנק דער גערעכטיקייט פֿון אונזער פֿאַרװאַלטונג. מיר מוזן אויך אויסנוצן די ליפּן, װאָס שושקען זיך, פּונקט װי זיי טוען עס.

ס'איז אויך אַ פֿאַרװיקלטע עקאָנאָמישע פּראָבלעם פֿאַר די יִידן. זיי קומען קיין ארץ־ישראל מיט אַ לעבנס־מדרגה װעלכע מיר װאָלטן געהאַלטן פֿאַר אַ נידריקע, װעלכע איז אָבער העכער װי די אַראַבישע. דער יִידישער אַרבעטער איז אין די אײַנפֿאַכסטע סאָרטן אַרבעט טייערער װי דער אַראַבישער און אין דער איצטיקער אומאַנטװיקלטער לאַגע פֿון ארץ־ישראל, האָבן טעכנישע מעלות קיין האָפֿנונג ניט צו קאָנקורירן מיט דעם נידריקן אַרבעטסלוין. איך האָב געטראָפֿן יִידישע אַרבעטער, װאָס זײַנען גרייט צו אַרבעטן װיפֿיל שעה'ן אַ טאָג עס איז, און גרויסע טיילן פֿון זיי — װי למשל, דער גדוד העבודה — באַקומען נאָר אַזאַ לוין, װאָס איז אומבאַדינגט נויטיק פֿאַר זייער נאַקעטער עקזיסטענץ, און פֿון דעסטװעגן, קען אַן אונטערנעמער מיט אַראַבישע אַרבעטער פֿאַרקאָנקורירן דעם אונטערנעמער מיט יִידישע אַרבעטער. עס זײַנען געװען פֿאַלן, װען אויף יִידישע אונטערנעמונגען האָבן יִידישע אַרבעטער, מער ניט װי צוליב אָט די דאָזיקע עקאָנאָמישע טעמים געפֿאָדערט עבודה עברית, און דאָס איז אויסגענוצט געװאָרן קעגן זיי. װיפֿיל צרות האָט דאָס פּראָבלעם פֿאַרשאַפֿט אונז דאָ אין ענגלאַנד, אַרויסרופֿנדיק קאַמפֿן צװישן מענער און פֿרויען, קװאַליפֿיצירטע און ניט קװאַליפֿיצירטע אַרבעטער. גאַנץ אינטערעסאַנט איז, אַז די יִידישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אָפֿיציעל ערקלערט, אַז זי טרעט אַרויס קעגן יעדן אַנטאַגאָניזם קעגן די אַראַבישע אַרבעטער און האָט מודיע געװען, אַז אַלע עפֿנטלעכע אַרבעטן, װאָס

ווערן איבערגענומען פֿון די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון דאַרפֿן אויסגעפֿירט ווערן פֿון יידן און אַראַבער, און די אַראַבער זאָלן דערביי זיין אָרגאַניזירט אין די זעלביקע קאָאָפּעראַטיווע גרופּן, באַטייליקן זיך אין דער לייטונג און באַקומען דעם זעלבן אַרבעטסלוין ווי די יידן. אַלץ וואָס ס׳איז דערווייל נויטיק, איז: געדולד און פֿאָרזיכטיקייט. און אין יעדער קאָנפֿערענץ מיט אַרבעטער־פֿירער האָב איך מיך קלאָר איבערצייגט, אַז זיי זיינען אַלע דורכגעדרונגען פֿון דער נויטיקייט צו געפֿינען אַ שלום, און קיינער פֿון זיי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום סימן פֿון ראַסן־עקסקלוזיוויטעט. על כל פּנים, ווען ארץ־ישראל וועט זיך אַנטוויקלען, ווען די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען וועלן זיך פֿאַרמערן, און דאָס לאַנד וועט אויפֿנעמען די אַרבעטער, וואָס באַשעפֿטיקן זיך איצט ביי די שאָסעען, וועלן זיך די קאָנפֿליקטן פֿאַרקלענערן, און די אינדוסטריעלע דערנענטערונג, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, וועט זיך דענסטמאָל ווייטער אַנטוויקלען. בשותּפֿותדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן וועלן די יידן און די אַראַבער צוזאַמענברענגען.

די אַראַבישע פֿירער וואַרפֿן אויף די איינוואַנדערער דאָס וואָרט „באָלשעוויסט”. דענסטמאָל, ווען רוסלאַנד האָט געשיינט ווי דער אויפֿגייענדיקער מאָרגן־שטראַל איבערן מזרח, זיינען אין ארץ־ישראל אויך געווען באָלשעוויסטן, אַזוי ווי זיי זענען געווען אומעטום. איך האָב געזוכט זייערע רעשטלעך, איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט אויף זיי אין מיינע שמועסן מיט אַרבעטער־דעפּוטאַציעס און ביי די טישן פֿון זייערע קיכן. זיי זיינען אָבער אין ערגעץ ניט געווען צו געפֿינען. גיכער האָב איך געפֿונען אַ מין אומצופֿרידנקייט מיט פּאָליטיק, מיט סאָציאַליזם, מיט רוסישע מעטאָדן. זיי ווערן געהאַלטן פֿאַר אַבסטראַקט און אויבערפֿלעכלעך. זיי האָבן דאָס געפֿיל, אַז די ענדערונג וועט קומען דורך דער באַוואוסטער אַרבעט אויף

אַ באַגרעניצטן אָרט, פֿאַרפֿעסטיקט דורך קאָאָפּעראַציע, אומוואַנדלען מיט איין מאָל אַ גרויס לאַנד, הייסט חרוב ווערן מיט דעם לאַנד צוזאַמען. דאַריבער איז דער באָלשעוויסט מער ענלעך צו שמשון ווי צו דוד. זיי אָבער זיינען צופֿרידן צו בויען ארץ־ישראל און גרינדן קאָמונעס. זיי גלויבן, אַז דאָס לאַנד דאַרף געהערן דעם כלל. (אין דעם שטעקט חומש ניט ווייניקער ווי מאַרקס). זיי גלויבן, אַז אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון דאַרפֿן אומעטום וואו ס׳איז מעגלעך באַגלייטן די אינדוסטריע און געפֿינען דעם נויטיקן קאַפּיטאַל. דאָס רוב פֿון די נייע קבוצות זיינען קאָמונאַל אויף דעם אופֿן, וואָס די גאַנצע גרופּע אַרבעט צוזאַמען און געניסט צוזאַמען די רעזולטאַטן פֿון זייער אַרבעט אויף גלייכע יסודות. דער דאָקטאָר און דער דענטיסט אין נוריס, גלייך ווי דער גאַליצישער לאַנדאַרבעטער וואָס אַרבעט אויפֿן פֿעלד אין וואָס טויג אָבער ניט צו היילן חולאים, באַקומען אַלץ וואָס זיי דאַרפֿן: דערנערונג, טאַבאַק און קליידער פֿונם געמיינזאַמטן קאָנסום־אָרט און דאָס איז זייער לוין. אין אַנדערע ערטער ווערט אויסגעצאָלט לוין — און אַלע באַקומען גלייך. אַנדערשוואו ווידער עקזיסטירט אַ אינדיווידועלע ווירטשאַפֿט. ווער עס שטודירט די באַדינגונגען, ביי וועלכע עס דאַרף אויפֿגעבויט ווערן ארץ־ישראל (בפרט נאָך אַז מען נעמט אָן, אַז די אַרבעט מוז געשען גיך) מוז איינזען, אַז נאָר דענסטמאָל קען דער וואונדער געשען, ווען די הערצער וועלן ווערן באַהערשט און אַז דאָס קאָמוניסטישע (ניט באָלשעוויסטישע) נוריס דערגרייכט דאָס ציל בעסער ווי די אינדיווידואַליסטישע קאָלאָניעס, וואָס צאָלן שכירות. פֿאַרשטייט זיך, דאָס פּראָבלעם פֿון נוריס וועט ערשט קומען, ווען די וויינגערטנער, אָראַנזשן און איילבוימער וועלן טראָגן זייער פּרוכט. וועט אָט די דאָזיקע גרונד־ערלעכע באַגייסטערונג איבערלעבן אָט די צייט? ווער וויל נעמען אויף זיך נביאות צו זאָגן? איך האָב געפֿרעגט יעדע קבוצה, וועלכע איך האָב באַ־

זוכט, וואָס וועט זיין, ווען זיי וועלן דאַרפֿן אויסבייטן זייערע איבעריקע פּראָדוקטן, ווען זייערע וויינגערטנער, סעדער און פֿעלדער וועלן באמת אָנהויבן געבן צאָלרייכע פּירות? און זייער ענטפֿער איז געווען, אַז די קאָאָפּעראַציע וועט וואַקסן צוזאַמען מיט די הכנסות און אַז די קינסטלערישע און גייסטיקע באַדערפֿעענישן פֿון די חברים וועלן אויף אַ לאַנגע צייט פֿאַרלאַנגען אַלע הכנסות. איך ווייס ניט. זיי זענען זער פּראַקטישע מענשן, און ווען די צייט וועט קומען, און די דערפֿאַרונג וועט זיין געזאַמלט און מען וועט עס דאַרפֿן, וועלן זיי מאַכן די נויטיקע שנוים. אָבער לעת־עתה, מוז מען מודה זיין, אַז זייער מעטאָד פֿון קאָמונאַלער אַרבעט, — באַגייסטערט, ווי די נאָכפֿאָלגער פֿון נחמיה, בעת זיי האָבן געבויט די מויערן פֿון ירושלים, — איז דער סאַמע ווירקזאַמסטער, דער סאַמע עקאָנאָמישסטער און דער זיכערסטער, וואָס קען נאָר פֿאָרגעלייגט ווערן פֿאַר דער קומענדיקער עקאָנאָמישער פֿרייהייט פֿונם לאַנד. און דער ווערט דערפֿון בלייבט אויך דענסטמאָל ווען מען איז אפֿילו גאַנץ איבערצייגט, אַז ער איז נאָר אַ צייטווייליקער.

ס'זיינען דאָ אַ סך מניעות אויפֿן וועג צו אַנטוויקלען ארץ־ישראל, ביז עס וועט טראָגן די פֿרוכטן און דערנערן די באַפֿעלקערונג — וואָס זי קען אָבער טון. עס וועלן נאָך זיין אַ סך פֿעלער און אַנטוישונגען אין די ציוניסטישע פּלענער. ס'וועלן זיין רייבונגען ביים איינאָרדנען די אַראַבער און די יידן אין איין געזעלשאַפֿט. אָבער דאָס זיינען פּרטים. אַ פּאָליטיק, וואָס, האַלטנדיק אָפֿן די טויערן פֿון ארץ־ישראל פֿאַר דעם יידישן פֿאָלק, וואָס קערט זיך איצט אום צוריק אַ היים, וועט ניט נאָר שיצן די אַראַבער און זייערע רעכט, נאָר וועט זען, אַז זיי זאָלן אויך נעמען אָנטייל אינם וואַקסנדיקן רייכטום פֿון לאַנד, אַזאַ פּאָליטיק איז זיכער ניט פֿאַרמשפּט צום באַנקראָט.

ארץ־ישראל און די בריטישע לייבאָר־פּאַרטי.

מיין באַזוך אין ארץ־ישראל איז געווען אַ צו קורצער, און איך האָב ניט געקאָנט אַריינדרינגען אין גאַנצן אינהאַלט פֿון דער אַרבעט, וואָס די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין דעם לאַנד טוען, און פֿאַרשטיין אַלע קליינע איינצלהייטן פֿון די פֿראַגן, וואָס ראַנגלען זיך אין זייער וועלט. אָבער וואָס איך האָב געזען, האָט מיך זער און זער אינטערעסירט, און איצט, צוריקקערנדיק זיך קיין לאָנדאָן, וועל איך קאָנען דערציילן מיינע פֿריינט פֿון דער „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי" און פֿון דער „לייבאָר פּאַרטי", וואָס איז דער צוועק פֿון די אַרבעטער און סאָציאַליסטן אין ארץ־ישראל. איך האָף, אַז אין דער צוקונפֿט וועלן מיר קאָנען שטיין אין מער אינטימע פֿאַרבינדונגען. יעדנפֿאַלס קען איך פֿאַרזיכערן מיינע ארץ־ישראל חברים, אַז איך וועל מיט גרויס אינטערעס נאָכפֿאָלגן די אַנטוויקלונג פֿון ארץ־ישראל אין דער צוקונפֿט.

די ערזאַץ־וואַלן, וואָס זיינען מיט אַ קורצער צייט צוריק פֿאָרגעקומען אין גרויס־בריטאַניע, ווייזן, אַז אין די קומענדע אַלגעמיינע וואַלן — און זיי קאָנען שוין איצט ניט אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ לענגערע צייט, — וועט אויסגעוויילט ווערן אַזאַ גרויסע צאָל פֿאַרטרעטער פֿון די אַרבעטער און סאָציאַליסטן, וואָס אַרבעטן צוזאַמען, אַז אויב אפילו זיי זאָלן ניט האָבן קיין אַבסאָלוטע מאַיאָריטעט אין דעם „האָוז אָוו קאָמאָנס", וועט אָבער די רעגירונג ניט קענען זיך האַלטן אָן זיך צו רעכנען מיט זיי. זייערע קריטיקן און

זייערע אָנשויונגען וועלן האָבן אַזאַ געוויכט אין די וכוחים און אין דער אָפּשטימונג, אַז זיי וועלן האָבן אַ גרויסע השפּעה אויף דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

עס זיינען פֿאַראַן פּאַרשוינען, וועלכע זיינען אין אמתן גרויסע עמי־הארצים, וואָס כאָטש זיי האַלטן אין איין שרייען וועגן זייער פּאַטריאָטיזם און וועגן אָפּהיטן דעם נאַציאָנאַלן כבוד, האָבן זיי דאָך גאָר קיין באַגריף ניט וועגן פּאַטריאָטיזם און ניט וועגן נאַציאָנאַלן כבוד. די דאָזיקע פּאַרשוינען גלויבן, אַז ווען די לייבאָר פּאַרטיי וועט שטאַרק ווערן אין „האָוז אָוו קאָמאָנס", וועלן די רעגירונגס־לייצעס פֿאַרכאַפּט ווערן פֿון מענשן, וואָס פֿאַרשטיין ווייניק און אינטערעסירן זיך נאָך ווייניקער אין אַלוועלטלעכע פֿראַגן. דער אמת איז פּונקט פֿאַרקערט. די „לייבאָר פּאַרטיי" האָט אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרבינדונגען מער ווי וואָסער עס איז ניט אַנדערע פּאַרטיי און די פֿאַרבינדונגען זיינען געזונטער ווי די פֿאַרבינדונגען פֿון די אַלטע הערשנדע קלאַסן.

צום ערשטן מאָל אין דער וועלט־געשיכטע וואָלט אַ בריטישע אַרבעטער־רעגירונג געקענט פֿאַרייניקן און באַפֿעסטיקן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס, פֿירן אַ וועלט־פּאָליטיק אָפֿן פֿאַר אַלע, וואָרים זי וואָלט באַזירט געווען אויף די יסודות פֿון די אינטערעסן פֿון כלל און ניט פֿון קיין איינצלנעם קלאַס, אויף די יסודות פֿון אַן אמתער דעמאָקראַטישער פֿאַרשטענדיקונג און ניט אויף קיין געהיימען אָפּמאַך פֿון הערשער. די דאָזיקע אַרבעטער־רעגירונג וואָלט געמוזט זיין אַ גערעכטע, מחמת די שריט פֿון איר אַנטוויקלונג וואָלטן געווען אָפֿן פֿאַר אַלעמען.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט, וואָס איך האָב אָפֿט געהערט אין משך פֿון מיין באַזוך אין ארץ־ישראל, אַז די מענשן, וואָס זיינען אַהער געקומען, זיינען דערווידער געווען גלאַט אַגרעסיווע לאָזונגען און ווערטער־קריטיקן קעגן די עקאָנאָ־

מישע און פּאָליטישע שלעכטע צושטאַנדן, נאָר זיי שטרעבן צו טון קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. דערזעלבער גייסט הערשט אויך צווישן די בריטישע אַרבעטער. מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון די פוסטע רייד פֿון די, וועלכע האָבן געדענקט, אַז מען קען נאָכמאַכן די איבערקערעניש אין רוסלאַנד, ניט רעכנענדיק זיך מיט די באַזונדערע אומשטאַנדן פֿון רוסלאַנד, און ניט נאָר דאָס, מיר האָבן נאָך אויך גע׳טענה׳ט, אַז אין יעדער געזונטער בויונגס-אַרבעט דאַרף מען זיך רעכענען מיט די אָרטיקע, עקאָנאָמישע באַדינגונגען, און אויב אפילו די סאָוויעטן־מאַכט וועט מאריך־ימים זיין, איז ביז די רעוואָלוציע וועט זיך נעמען צו בויונגס-אַרבעט, וועלן לענין מיט זיינע חברים מוזן אָפּטרעטן פֿון זייערע פּאָזיציעס און אָנהויבן פֿון דעם פּונקט, וואו מיר וואָלטן באַדאַרפֿט אָנפֿאַנגען. און די ווייטערדיקע פּאַסירונגען האָבן באַשטעטיקט אונזערע פֿאָרויסזעונגען און די קאָמוניסטישע פּאָליטישע באַוועגונג אין אונזער לאַנד איז געפֿאַלן. זי איז געוואָרן איצט אַן אונטערשטיץ פֿאַר דער בורזשואַזער רעאַקציע.

מיר, ביי אונזערע אומשטאַנדן קענען ניט אָנהויבן צו בויען קיין אַגראַר-ישוב. ווען ענגלאַנד וואָלט אָבער געווען אין דעמזעלבן שטאַנד וואָס ארץ-ישראל איז איצט, וואָלטן מיר אויך באַדאַרפֿט גיין אין אייער וועג. אין אונזער לאַנד וועלן מיר איצט די ענדערונגען דערגרייכן דורך דעם, וואָס מיר וועלן פֿאַרשפּרייטן אונזערע אידעאַלן און שיטות דורך איבערצייגן די דעמאָקראַטיע, אַז אונזער וועג איז דער ריכטיקער און דורך פֿאַרכאַפּן די רעגירונגס-מאַכט אויפֿן קאָנסטיטוציאָנעלן וועג. מעגלעך, אַז דער וועג איז אַ פּאַמעלעכער, אָבער ער איז דער איינציקער, וועלכער ברענגט ממשותדיקע רעזולטאַטן.

איך ווייס, אַז די לייבאָר פּאַרטיי וועט זער וועלן הערן וואָס איך האָב געזען. איך קום צוריק (קיין ענגלאַנד) אָנטייל צו נעמען

אין דעם גרויסן פֿרילינגס-קאַמפּיין פֿאַר וואַלן אין דרום-וועלס און אין אַנדערע ערטער. איך וועל טון אַלץ, וואָס איז אין מיין מאַכט באַקאַנט צו מאַכן מיינע צוהערער אין לאַנד מיט ארץ-ישראל, ניט בלויז אין באַצוג צום יידישן אַרבעטער, נאָר אויך צום אַראַבישן. איך האָב מורא, אַז אין מיין לאַנד ווערן איצט געטון שענדלעכע זאַכן בנוגע ארץ-ישראל; איך האָב מורא, אַז געוויסע קרייזן וואָלטן געוואָלט צעבלאָזן דאָס פֿייער פֿון קריג צווישן די יידן און אַראַבער. איך וועל דערציילן וואָס איך האָב געזען און געהערט פֿון ביידע צדדים, און כ'וועל לאָזן הערן מיין האָפֿנונג, וואָס איך ברענג פֿון ארץ-ישראל, אַז אי צווישן די יידן און אי צווישן די אַראַבער זיינען פֿאַראַן קרייזן מיט גרויסן איינפֿלוס, וועלכע ווילן אייניקייט און געמיינזאַמע אַרבעט.

אויב די „לייבאָר פּאַרטי" קען אייך העלפֿן אין דער היגזיכט, אויב זי קען העלפֿן די מיזאַמע בעאַמטן אין זייער איצטיקער שווערער לאַגע — וועט זי עס טון מיטן גרעסטן פֿאַרגניגן. איך גלויב, פֿון דעם וואָס איך האָב געזען און געהערט אין משך פֿון מיין קורצן באַזוך אין לאַנד, אַז דאָס גליק פֿון ארץ-ישראל הענגט אָפּ פֿון דער אַנטוויקלונג פֿונם לעבן אין לאַנד מיט דער באַטייליקונג אין דער גרויסער אַרבעט אי פֿון די יידן אי פֿון די אַראַבער.

איך וועל אויך דערציילן וועגן דער אַרבעט, וואָס איך האָב געזען אויף די כבישים (שאָסעען) און אין די קבוצות. מיט דער דאָזיקער אַרבעט לייגט איר אַ געזונטן פֿונדאַמענט פֿאַר דער עקאָנאָמיק און נאַציאָנאַלער אויפֿבליונג. היינט קומט אייך אויס צו קעמפֿן מיט אַ סך שטערונגען; מאָרגן, האָף איך, וועט איר מיט געזאַנג שניידן אייער שניט. אויב אייך וועט נאָר געלינגען אָפּצוהיטן אייער באָדן פֿון דעם פֿאַרדאַרבנדן קאַפּיטאַליזם, דאַמאָלסט פֿאָרבאַרייטעט איר ניט בלויז אייער אייגן גליק, נאָר איר וועט זיין אַ מוסטער פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

אויב איך וועל זוכה זיין און איך וועל נאָך אַמאָל זיין אין אייער לאַנד, וויל איך האָפן, אַז איך וועל זען אייערע וויינגערטנער און אייערע פעלדער אין זייער בליען און אייך — שניידנדיק די פרוכטן פון אייער מי מיט פרידן און הצלחה. וואָרים איר פאַרדינט עס.